# פרשת בא כ"ט טבת – ו' שבט תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת בא***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו תפארת יהושע במאנסי. אחר התפלה התקיים הברית של בן הרב **אשר יואל פאללאק** שליט"א. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובמוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה (רש"י שמות יב-ו), אז פאר מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, האט דער אייבערשטער געגעבן פאר יודען די מצוה פון מילה. ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך בדמיך חיי (יחזקאל טז-ו), יודען זענען געווען ערום ועריה, עס איז געקומען די צייט ארויסצוגיין פון מצרים, און מען האט נישט געהאט קיין מצוות, האט דער אייבערשטער געגעבן דם פסח און דם מילה, די צוויי דמים, און מיט דעם איז מען ארויס פון מצרים. עס קען אפשר זיין נאך א נקודה פארוואס דער באשעפער האט משלב געווען די מצוה פון מילה צו יציאת מצרים.

**איך** האב געהערט אמאל פון מיין **טאטע ז"ל** אז ער האט געזאגט, אז די גזירה פון מצרים איז דאך געווען ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה (בראשית טו-יג), פיר הונדערט יאר דארף מען זיין אין גלות, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול. און למעשה איז מען נישט געווען אזוי לאנג, מען איז ארויס געגאנגען פריער פונעם גלות. כמעט די העלפט צייט, צוויי הונדערט און צען יאר איז מען געווען אין גלות. און הקב"ה חישב את הק"ץ, אויף די אנדערע הונדערט און ניינציג יאר, האט שוין דער אייבערשטער געמאכט די חשבונות, אז מען זאל ארויסגיין פאר די צייט. וואס איז געווען די חשבון אז מען איז ארויס פארן זמן.

**האט** ער געזאגט, צוויי מענטשען קענען האבן אמאל די זעלבע ארבעט, און פון דעסטוועגן דאך פלאגט זיך איינער אסאך מער מיט די ארבעט, ווי דער צווייטער, כאטש זיי טוען די זעלבע זאך. אין פשטות, איינער איז א גבור און איינער איז א חלש, און מען גיט פאר ביידע צו טון די זעלבע ארבעט, איז אין ערוך די צושטעל פון די צוויי ארבעטער. דער גבור איז א גבור, ביי אים איז נישט א פראבלעם צו טון די ארבעט, דער עינוי איז נישט ביי אים א גרויסער עינוי. אבער ביי דעם שוואכען, ווען מען לייגט ארויף אויף אים די ארבעט, איז עס א דאפעלטע, און אסאך מאל דריי און פיר פאכיג, פון דעם וואס יענער קען טון.

**די** זעלבע איז אויך דא א חילוק אפילו צוויי מענטשען זענען איינס. אויב איינער איז א בן מלך, ער איז געבוירן געווארן אין א קעניגליכע שטוב, און ער האט קיינמאל נישט געטון קיין שווערע ארבעט, ער איז א איידעלער וכדומה, און נאכדעם איז דא א פויער וואס איז קיינמאל נישט נתגדל געווארן ווי א נארמאלער מענטש. און מען גיט פאר ביידע צו טון די זעלבע ארבעט, איז נישט קיין דמיון איין ארבעט צו די אנדערע ארבעט. דער וואס איז צוגעוואוינט צו פיזישע ארבעט, דער שלעפט און טראגט, כחמור לעול וכשור למשא, אבער דער איידעלער וואס האט קיינמאל נישט געטון אזא סארט ארבעט, און מען לייגט ארויף אויף אים אזא ארבעט, איז עס דאפלט שווער פאר אים, ווי פאר א צווייטען.

**פרעה** האט משעבד געווען יודען בחומר ובלבנים, יודען זענען בני מלכים, מיר זענען נישט אויסגעשטעלט צו ארבעטן מיט חומר און לבנים, דאס איז געמאכט פאר די שווארצע, פאר זיי איז דאס געגעבן געווארן. א יוד'ס ארבעט איז, לערנען און דאווענען, און דינען דעם אייבערשטען. ער ליגט אין א אנדערע סארט וועלט ווי דער גוי. און אז מען האט גענומען בני מלכים, און מען האט זיי משעבד געווען בחומר ובלבנים, איז אין די צוויי הונדערט יאר וואס זיי האבן געארבעט, איז געווען ארבעט פון פיר הונדערט יאר ביי א צווייטען. ווען מען וואלט נישט געווען בני מלכים, און מען דארף ארבעטן פיר הונדערט יאר, איז דער סדר אזוי. אבער נעמען בני מלכים, און זיי משעבד זיין, אין די צוויי הונדערט און צען יאר זענען זיי אדורכגעגאנגען אזויפיל עינוי, וואס ביי א געווענליכע מענטש וואלט עס גענומען ארבע מאות שנה.

**וואו** זעהן מיר אז יודען זענען בני מלכים. עס שטייט אין די ראשונים דער טעם פארוואס דער

אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון מילה. עס איז אזוי ווי א מלך וואס לייגט א חותם אויף זיינע קינדער, און אויף זיינע עבדים, זיי גייען אנדערש געקליידעט ווי א צווייטער. א פרינץ דערקענט יעדער איינער אז דאס איז דעם מלך'ס א קינד, פון זיין אויסזעהן ווי אזוי ער האט אים אויסגעשטעלט. די זעלבע האט דער אייבערשטער ארויפגעלייגט זיין חותם ברית קודש אויף יעדן יוד, מיר האבן א סימן אז מיר זענען בני מלכים. די מצוה פון מילה איז אריינצוברענגען אין אונז, אז מיר זאלן וויסן אונזער מדריגה. מיר זענען נישט אזוי ווי די אנדערע גוים, אזוי ווי די אנדערע אומות העולם, מיר זענען קינדער פונעם אייבערשטען, און דער באשעפער האט אונז חותם געווען מיט א חותם ברית קודש.

**קומט** אויס אז פון די מצוה פון מילה זעהען מיר אז מיר זענען בני מלכים, וועגן דעם האט מען אויף אונז ארויפגעלייגט דעם חותם. און אז מיר זענען בני מלכים פארשטייען מיר פארוואס מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים פאר די צייט, ווייל בני מלכים האבן אפגעדינט אין די צוויי הונדערט יאר, וואס א אנדערער דינט אפ אין פיר הונדערט יאר. ווען עס איז געקומען די צייט מען זאל ארויסגיין פון מצרים, און מען וועט דאך ארויסגיין פארן זמן, און מען וועט האבן קשיות אז דער באשעפער האט דאך געזאגט ארבע מאות שנה, און מען גייט ארויס פריער. האט דער באשעפער אונז חותם געווען מיט ברית מילה, צו ווייזן אז מיר זענען בני מלכים, און בני מלכים האבן אפגעדינט אין אזא קורצע צייט, אלעס וואס איז זיך געקומען אויף ארבע מאות שנה.

*

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להבית החיים בניו דזשערסי (בחלקת ק"ק סאמבאטהעלי), לרגל היארצייט של חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה. **רבינו שליט"א** הדליק נר על ציון אביו זצ"ל, ועל הציון של חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה, והמשיך באמירת תהלים למשך זמן.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"י סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, אז ער וועט ארויסנעמען די יודען פון מצרים, והבאתי אתכם אל הארץ, איך וועל ענק אריינברענגען אויף ארץ ישראל, ונתתי אותה לכם מורשה, און איך וועל ענק געבן ארץ ישראל פאר א ירושה. אין **בעל הטורים** שטייט, אז די ווארט 'מורשה' קומט פאר צוויי מאל אין די תורה. איינס דא, און נאכדעם איז דא א פסוק (דברים לג-ד) תורה צוה לנו משה, מורשה קהלת יעקב. קומט אויס, אז תורה ווערט אנגערופן מורשה, און ארץ ישראל ווערט אנגערופן מורשה. זאגט דער בעל הטורים, אזוי ווי דער פסוק זאגט, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן ארץ ישראל נאר כדי מען זאל האלטן דארט די תורה, ויתן להם ארצות גוים, ועמל לאומים יירשו, בעבור ישמרו חוקיו, ותורותיו ינצורו (תהלים קה-מד), איז כדי מיר זאלן זוכה זיין צו די מורשה פון ארץ ישראל, דארף זיין תורה צוה לנו משה מורשה. אז מען האלט די תורה, דעמאלטס קומט זיך אונז א מורשה אין ארץ ישראל, אזוי שטייט אין בעל הטורים.

**עס** שטייט די וואך אין **ערוגת הבושם**, די תורה ווערט אנגערופן מורשה, א ירושה. די משנה (אבות ב-יב) זאגט דאך, התקן עצמך ללמוד תורה, שאינה ירושה לך, די תורה איז נישט קיין ירושה. די תורה איז נישט ווייל מיין טאטע האט געלערנט, מיין זיידע איז געווען א תלמיד חכם, וועגן דעם באקום איך די תורה בירושה. אז מען לערנט, איז מען זוכה צו כתרה של תורה. מען קען האבן א טאטען א עם הארץ, און פון דעסט וועגן דאך קען מען זוכה זיין צו תורה. התקן עצמך ללמוד תורה, מען דארף זיך אליינס צוגרייטן צו לערנען תורה. פארוואס רופט ער עס אן, אז די תורה איז א מורשה, אז עס איז א ירושה. פון וועם האסטו עס גע'ירשנ'ט? מען ירש'נט נישט, אויף תורה דארף מען זיך אליין פלאגן.

**זאגט** דער הייליגער ערוגת הבושם, אז די גמרא (עירובין כא:) זאגט, אין דברי תורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, די תורה האלט זיך נישט ביי א מענטש, נאר ווען ער איז זיך ממית אויף תורה.

שנאמר (במדבר יט-יד) זאת התורה אדם כי ימות באוהל. זאת התורה, אז דו ווילסט אז די תורה זאל האבען א קיום, אדם כי ימות באהל, דארף מען זיך ממית זיין באהלה של תורה. א ירושה באקומט מען נאר נאכן שטארבן, ביי א לעבעדיגען מענטש איז נישט דא קיין ירושה. זאגט ער, אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, ווען דער מענטש איז זיך ממית באהלה של תורה, קומט דאך אויס אז ער האט זיך ממית געווען, און אז ער האט זיך ממית געווען, קען ער זוכה זיין שפעטער צו ירש'נען די תורה. עס איז נישט קיין ירושה וואס מען ירש'נט פון א צווייטן, עס איז א ירושה וואס א מענטש אליינס זיצט און לערנט תורה, איז ער יורש דורכדעם די תורה. אין אנדערע ווערטער מיינט עס צו זאגן, אז א ירושה פון א נחלה, איז ווען דער טאטע שטארבט, און דער זון קומט און ער נעמט איבער די ירושה וואס דער טאטע האט געהאט. עס איז דא איינער וואס איז געשטארבן, און עס איז דא א חי וואס טוט אים ירש'נען. ביי תורה דארף ער אליין זיין דער מת, און נאכדעם איז ער דער יורש. ער איז זיך ממית באהלה של תורה, און נאכדעם קען ער זוכה זיין צו כתרה של תורה. רופט עס אן די תורה אז עס איז אזוי ווי א ירושה, תורה צוה לנו משה מורשה. מען מוז זיך ממית זיין באהלה של תורה, און דעמאלטס ווערסטו זוכה זיין צו די ירושה פון תורה.

**רש"י** זאגט אין פרשת פנחס (במדבר כו-נה), אז ווען מען איז אריין געגאנגען אין ארץ ישראל, און מען האט עס צוטיילט פאר יעדן איינעם מיט א גורל, משונה נחלה זו משאר נחלות, די נחלה אין ארץ ישראל איז געווען אנדערש פון אלע אנדערע נחלות. ביי אנדערע נחלות איז החיים יורשים את המתים, ווען א מענטש שטארבט, טוען אים די חיים ירש'נען, אבער די נחלה פון ארץ ישראל איז געווען המתים יורשים את החיים. דאס איז טייטש, מען זאגט אז ארץ ישראל איז נתתי אותה לכם מורשה, מיינט עס נישט אז די אבות האבען עס באקומען, און פון זיי איז עס אריבער געגאנגען ירושה פאר די דורות שפעטער. נאר די דור שפעטער, די וואס זענען אריין געקומען אויף ארץ ישראל נאכן דור המדבר, לויט זייערע מענטשן האט מען צוטיילט קודם די גאנצע נחלה פון ארץ ישראל, און פון זיי איז עס צוריק געגאנגען נאכדעם צו זייערע עלטערן, און פון זייערע עלטערן איז עס נאכדעם צוריק געגאנגען פאר זיי. עס איז געווען חילוקים טאמער איינער האט געהאט א גרעסערע משפחה, אדער א קלענערע משפחה, מיר וועלן נישט אריין גיין דערין.

**אבער** על כל פנים זעהט מען אז די ירושת הארץ, וואס מען האט גע'ירש'נט ארץ ישראל, איז נישט געווען א געווענליכע ירושה. ווייל בי א געווענליכע ירושה איז דאך החיים יורשים את המתים, און דא איז געווען המתים יורשים את החיים. איז פונקט ווי די ירושה פון ארץ ישראל איז אנדערש פון אלע אנדערע ירושות, אז עס איז נישט קיין חיים יורשים את המתים, די זעלבע איז די ירושה פון תורה, איז אזוי ווי ירושת הארץ, אז די ירושה פון תורה איז, אז קודם דארף מען זיך אליין ממית זיין, און נאכדעם איז מען זוכה צו די ירושה. האט די תורה צוזאמגעשטעלט אין די מסורה, עס איז דא ונתתי אותה לכם 'מורשה', פונקט ווי די ירושה פון ארץ ישראל איז אנדערש פון אלע אנדערע נחלות וואס החיים יורשים את המתים. די זעלבע איז ביי תורה צוה לנו משה 'מורשה', די ירושה פון תורה איז אנדערש פון אלע אנדערע נחלות. אז נאר נאכדעם וואס א יוד איז זיך ממית באהלה של תורה, קען ער האבן די ירושה פון תורה.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **אברהם ברוך** נ"ו בן הר"ר **חיים פישער** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס.

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **חיים ניסן טויבער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אשר באכנער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **ישראל יצחק מייזעלס** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **עקיבא גאלדשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת בא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יעקב רייך** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט ביי די מצוה פון מילה, ווען דער אייבערשטער האט מצווה געווען אברהם אבינו זיך צו מל'ן, האט ער זיך באנוצט מיטן שם א-ל שד"י, דער אייבערשטער האט געזאגט, אני א-ל שד"י התהלך לפני והיה תמים (בראשית יז-א). די זעלבע ברענגט מען צו פונעם **זוהר הק'** (תיקוני זוהר כב סו.), אז בשעת מען מל'ט א קינד, ווערט ארויפגעלייגט אויף אים דער שם שד"י, עס ווערט נחתם אינעם קינד, בשעת מען מל'ט אים. דער אייבערשטער האט אסאך שמות, און אז מען האט אויסגעקליבן דעם שם שד"י, צו די מצוה פון מילה, איז דער טייטש אז עס האט א קשר די צוויי זאכען.

**די** גמרא (חגיגה יב.) דרשנ'ט אויפן שם שד"י, שאמר לעולמו די. אזוי האט יעקב אבינו געזאגט, מי שאמר לעולמו די, יאמר לצרותי די. וואס איז טייטש שאמר לעולמו די, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר די וועלט, אז עס איז גענוג? שטייט אין די גמרא, אז בשעת דער באשעפער האט געזאגט אז עס זאל ווערן די ערד, האט די ערד זיך אנגעהויבן צו צושפרייטען אן א גבול, עס איז געלאפן פון אלע זייטען, און עס האט זיך צושפרייט דער ארץ. און דער לשון פונעם מדרש (תנחומא ישן לך כה) איז, אז ווען דער אייבערשטער שטעלט עס נישט אפ, וואלטן זיי זיך אויסגעצויגן עד היום. און דער אייבערשטער האט געזאגט די, עס איז גענוג, ער האט אפגעשטעלט די וועלט אז עס זאל זיין אזוי גרויס ווי עס איז. - מען געפונט נישט ערגעץ אנדערש אין די בריאה, אז דער אייבערשטער האט געהייסען א זאך זאל זיין, עס זאל ווערן גרעסער אדער קלענער, און מען זאל דארפן איינטיילען ווי גרויס עס זאל זיין, אז די זון זאל ווערן גרעסער, און די לבנה זאל ווערן גרעסער. ווען דער באשעפער האט געזאגט אז עס זאל זיין א וועלט, האט ער געזאגט ווי גרויס די וועלט זאל זיין, וואס איז געווען מיט די וועלט, אז עס איז געלאפען און עס האט זיך צושפרייט, אז מען האט עס געדארפט אפשטעלן, שאמר לעולמו די.

**דער** פשט דערפון קען זיין. פון עניני עולם הזה איז א מענטש קיינמאל נישט צופרידן. וויפיל ער האט, דארף ער אלץ נאך און נאך. ער יאגט נאך, נאך הבלי עולם הזה און תאוות הגוף, איינס ברענגט דאס אנדערע. און אז מען האט נישט פאר זיך א מחיצה און א גדר, ווייסט מען קיינמאל נישט וואו מען קומט אן. די וועלט בטבע, איז א גשמיות'דיגע וועלט. די נאטור פון די וועלט איז, ער וויל נאך און נאך. ער צושפרייט זיך נאך און נאך, ער האט נישט קיין גבולים. מיט דעם וואס דער אייבערשטער האט געזאגט לעולמו די, ער האט עס אפגעשטעלט, האט ער געגעבן א כח אין די בריאה, אז א מענטש זאל אויך קענען זאגען פאר די תאוות עולם הזה, די, עס איז גענוג.

**און** דאס איז אויך די מצוה פון מילה. די מצוה פון מילה איז דאך להחליש כח התאווה, מען זאל נישט נאכגיין נאך אלע ענינים וואס דער מענטש גלוסט, ער דארף זיין מקודש מיט די קדושה. בשעת דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פון מילה, האט ער געזאגט אני א-ל שד"י, שאמר לעולמו די, איך בין דער באשעפער וואס איך האב געזאגט, אז עולם הזה, גשמיות, זאל זיך נישט צושפרייטען. התהלך לפני והיה תמים, אז דו ווילסט זיך אויסארבעטן אין די מדה, דארפסטו האבן די מצוה פון מילה. קומט אויס, אז ווען מען מל'ט א קינד, און מען לייגט אריין אין אים דער חותם פון אות ברית קודש, ווערט נחקק אויף אים דער שם שד"י, שאמר לעולמו די, נישט נאכצוגיין נאך די תאוות פון די וועלט, ער זאל זיך קענען אפשטעלן, און זאגען עס איז גענוג, פון דא און דא גיי איך נישט ווייטער.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **הגה"צ רבי אהרן יהודא בלום שליט"א** אב"ד קאשוי וומסב"ג להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בתו בשעטומ"צ.

***וזה תוכן השיחה:***

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** מיין טאטע ז"ל (בעל **ברכת שמים** מקאשוי) האט זיך געהאלטן נאנט מיטן טאטען, דער **סאמבאטהעלער רב זצ"ל**.

**רבינו:** זיי האבן זיך געהאלטן פאר קרובים, דורכן **שאמלויא'ער רב זצ"ל.**

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** מיין טאטע איז געווען א דור פריער. מיין טאטע איז געווען א צווייטע קאזין מיטן זיידען דער **סערדאהעלער רב.** די שאמלויא'ער רעבעצין, מיט מיין זיידע, מיין טאטע'ס טאטע, רבי שמואל, זענען געווען ערשטע קאזינס. רבי שמואל'ס מאמע, וואס האט געהייסען הינדל, איז געווען א שוועסטער מיט די שאמלויא'ער רעבעצין'ס מאמע. די שאמלויא'ער רעבעצין האט אויך געהייסען הינדל[א].

**רבינו:** וואו זענט איר אן איידעם?

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** ביים באר שבע רב (**הגה"צ רבי אלעזר קליין זצ"ל**).

**רבינו:** ער איז אויך געווען א שאמלויא'ער תלמיד.

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** איך מיין אז די לעצטע דרשה וואס מען האט געדרוקט פונעם שאמלויא'ער רב, איז פון אים. - ער האט זייער ווארעם גערעדט פונעם שאמלויא'ער רב שטענדיג. מיין שווער פלעגט זאגען, אויף די וואס האבן געהייסען די בעלי דרשנים דאהי, אז די וואס זאגען אז די זענען מגידים, האבן נישט געהערט דעם שאמלויא'ער רב. זעהט אויס, אז דער שאמלויא'ער רב נישט נאר וואס מען זעהט בכתב, זעהט אויס, אז די וועג ווי אזוי ער האט גערעדט, איז אויך געווען עפעס אנדערש. די דברי אגדה פונעם שאמלויא'ער רב איז מורא'דיג, פון זיין גדלות רעדט מען נישט, נאר אפילו זיין אגדה.

מיין טאטע האט געהאט היתר הוראה פונעם שאמלויא'ער רב. ער האט אים געשריבן ש"ב (שאר בשרי). און ער פלעגט ארייננשרייבן, אז ער גיט עס בתנאי, אז ער זאל נישט געהערן צו איינע פון די כיתות, ציונים, מזרחים, און אגודה.

**רבינו:** ער האט עס ארייגעשריבן אין די היתר הוראה?

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** יא.

**רבינו:** איך האב נישט געוואוסט.

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** ביי אים איז עס אויך ארייגעשריבן[ב].

**רבינו:** ער איז געווען זייער א שארפער.

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** ער איז דאך געווען פון רבי יעקב רייכמאן'ס אייניקלעך. עס איז דא א מעשה, מיין ברודער האט עס געהערט פון **רבי יוסף יונה הורוויץ זצ"ל**, דער **פראנקפורטער רב** (נכד של רבי צבי יעקב רייכמאן הנ"ל). אז עס איז באקאנט די מעשה פונעם **ישמח משה**, אז עס זענען געקומען צום ישמח משה צוויי ברודערס, וואס האבן געהייסען פעלדמאן. און דער ישמח משה האט געזאגט, וואס פאר א נאמען איז דאס 'פעלדמאן'? עשו איש שדה (בראשית כה-כז), א יוד הייסט נישט פעלדמאן, מען זאל טוישן דעם נאמען. און זיי האבן זיך צוטיילט מיטן נאמען, איין ברודער האט זיך א נאמען געגעבן 'גרינ'פעלד' (ממשפחת **הגה"ק רבי יהודה גרינפעלד זצ"ל** אב"ד סעמיהאלי), און איינער האט געגעבן 'רייכ'מאן'. און ער האט געזאגט, אז מיר זענען פון די רייכמאנס. אנדערע האלטן אז די רייכמאנס פון טאראנטא, זיי זענען פון די רייכמאן. איך מיין אז מיר זענען נישט קיין משפחה. דער רבי יוסף יונה האט אזוי געזאגט, ער האט זיך געהאלטן גאנץ נאנט, ער האט געוואוסט זאכען פון דער היים.

**רבינו:** איך מיין אז ער האט געהייסן רבי הערש יעקב רייכמאן.

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** דער טאטע ברענגט פון אים א מעשה, אין זיין ספר **מטל השמים.** ער איז געווען א נגיד, און איינמאל האט ער זיך אפגערעדט פאר **רבי הערשלע ליסקער זי"ע**, אז ער האט מורא, אז די עשירות וואקסט אים אזוי, און ער האט מורא אז עס זאל אים נישט שאטען. האט ער אים געזאגט, ווי לאנג דו טיילסט דיינע צדקות, דארפסו זיך נישט זארגען. ער האט אסאך געטיילט.

**רבי הלל קאלאמייער זצ"ל** איז געווען באקאנט מיט אים. עס איז געווען אמאל א יוד, וואס מען האט געוואלט ארויסטרייבען פון זיין הויז, אזוי ווי עס איז געווען אמאל. און דער רבי הערש יעקב איז אדורכגעפארען, און ער האט געהערט אז עס טוט זיך דארט קולות. האט ער געפרעגט, וואס גייט פאר. האט מען אים געזאגט, אז מען וויל ארויסטרייבען א

---

[א] **הגה"ק משאמלויא זצ"ל** היה חתנו של **הרב יוסף דוד הורוויץ ז"ל** מק"ק ליסקא, גיסו של **הרב אליעזר בלום ז"ל** (אבי אביו של **הגה"צ מקאשוי זצ"ל**), שניהם חתני **הרב צבי יעקב רייכמאן ז"ל** מק"ק סיקס.

[ב] וזה לשון **הגה"ק משאמלויא זצ"ל** במכתב התרת הוראה (ר"ח אב תרצ"ט לפ"ק): ... וגם עתה הנני בבקשתי ממנו, למען השם בל ידבוק עם א' מהשלשה כתות הנקראים ציונים מזרחים ואגודים, המחריבים העולם בכלל, וארץ הקדושה בפרט. רק להיות קשור בתורה ללמדה בטהרה ולדבוק ליראי ה' ואנשי מעשה, סלסלה ותרוממך ויתרומם קרנך בכבוד, ואשמח מאוד לראות זרע זקינך דו"ז רעי אהובי **הרב הצדיק מו"ה אליעזר** [אוצר] **בלום זצ"ל** ברום המעלה ... (נדפס בספר **אילנא רברבא** תולדות **הגה"צ מקאשוי זצ"ל** דף קעא).

יוד פון זיין הויז. האט ער גראד מסלק געווען וואס עס האט אויסגעפעלט. דער יוד איז נאכדעם געגאנגען צו רבי הלל קאלאמייער, און ער האט אים פארציילט די מעשה וואס ער האט געהאט, און ער מיינט אז עס איז געווען אליהו הנביא. האט ער אים געזאגט, ניין, עס איז געווען רבי הערש יעקב רייכמאן.

**רבינו:** אליהו הנביא איז זיך מתלבש אסאך מאל.

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** מען האט גערעדט פריער וועגן די נאנטקייט מיטן טאטען. מיין שוואגער **רבי יצחק יעקב** (אילאוויטש שליט"א), דער **יעמרינג'ער רב**, ביי זיין עלטסטען זון, האט זיין טאטע דער **שאמשאן'ער רב**, געהאט א נאנטען ידיד וואס איז געווען א מוהל, און ער האט חשק געהאט אים צו געבן. און דער טאטע האט געוואלט דווקא, אז דער **סאמבאטהעלער רב** זאל זיין דער מוהל.

**רבינו:** זיי האבן זיך טאקע נאנט געהאלטן.

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** מיין מאמע ע"ה פלעגט זאגען, אז אינדערהיים האט מען נישט געמאסטן צווייטע קאזין דריטע קאזין, נאר לויט ווי אזוי מען האט זיך געהאלטן אזוי איז עס געווען. אויב מען האט זיך געהאלטן נאנט, איז מען געווען א נאנטע קאזין, און אז מען האט זיך נישט געהאלטן נאנט, איז מען געווען א ווייטע קאזין.

**רבינו:** נאך די קריג, די ביסל משפחה וואס איז געבליבן, האבן זיך אלע געהאלטן זייער נאנט. אחד בעיר ושנים במשפחה.

מיין ברודער דער **סערדאהעלער רב**, האט געלערנט ביים טאטען.

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** ער איז געווען פון די חשוב'סטע תלמידים. די קבוצה די דריי צוזאמען, **רבי שמואל זאב** (ליכטער שליט"א אב"ד כוונת הלב), און מיין ברודער **רבי אליעזר חיים** (בלום זצ"ל האדמו"ר מקאשוי).

**רבינו:** מיט רבי אליעזר חיים האט ער געלערנט יארן שפעטער נאך די חתונה.

**א' הנוכחים:** ווען דער רב איז געווען באזוכן ביי רבי אליעזר חיים, האט דער רב פארציילט, אז זיי האבן געלערנט צוזאמען, איין ליל שישי האט ער געלערנט ביי אים, און איין ליל שישי האט ער געלערנט ביי אים.

עס איז ארויסגעקומען שייינע בריוון וואס רבי אליעזר חיים האט געשריבן פארן סערדאהעלער רב תש"ח, ווען ער (רבי אליעזר חיים) איז נישט געזונט געווען. ער שרייבט אים די שלש סעודות תורות וואס מען האט געהערט ביים **סאטמארער רב**.

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** איך לאדען איין צו די חתונה, אויב עס איז נישט שווער, איך וויל נישט מטריח זיין. עס וועט מיר זיין א געוואלדיגע חשיבות.

**רבינו:** אי"ה.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, אין א מזל'דיגע שעה, מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת, און קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט נחת און הרחבת הדעת.

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** אמן. והמברך יתברך, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען אסאך אויפטון. מען דארף דאך היינט האבען די יודען וואס דרשנ'ען פארן ציבור, מען זאל קענען אויפטון ביי יודישע קינדער.

**רבינו:** אזעלכע דרשות וואס אייער טאטע האט געזאגט, הערט מען שוין נישט היינט.

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** מיין טאטע פלעג אלץ זאגען, פאר וועמען גיי איך רעדן, ווער הערט. ער האט געוואלט הערן, אז מען זאל זאגען אז עס איז יא דא וואס הערן.

**רבינו:** אלע דרשות זענען געווען מיט בכיות. - ער פלעגט דרש'נען פאר פרויען אליין אויך?

**אב"ד קאשוי וומסב"ג:** יא. עס איז דא וואס האבן געהערט פון אים, אז דער **סטראפקובער רב זצ"ל** האט אים געזאגט, אז ער דארף ארומגיין און אויפטון. ער פלעגט פארן אויף שבתים קיין לאס אנדזשעלעס, מאנטריאל, און טאראנטא. אפיציעל איז עס געווען פאר געלט, אבער פאר אים, טאמער ער האט נישט געקענט זאגען א דרשה מאיזה סיבה, איז ער נישט געפארן.

**רבינו שליט"א ליוהו בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי אהרן זלמן יונגרייז שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מגארליץ שליט"א, וחתן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי נחמיה בראדט שליט"א** (חתן כ"ק האדמו"ר מתולדות יהודה סטוטשין שליט"א), שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת בא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיימה 'כינוס נשים כללי' לנשי הקהלה והמוסדות בוויליאמסבורג, שנקרא על פי פקודת הקודש, לעורר ולחזק בדקי הקדושה והצניעות, וחינוך הבנים והבנות על דרך ישראל סבא, נערכה באולם כתר צבי.

המעמד נפתח על ידי הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו. אחר כך נשא דברים **הרה"ג רבי בערל טויבער שליט"א** אשר במשך שעה ארוכה דיבר במצב הזמן וחובת השעה לעמוד על בנינו ועל דורותינו.

אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קדשו מלהבות אש, הדרכה ומוסר בעניני הנהגת הבית, הזהירות מכלי הטעכנאלאגיע, חיזוק בדקי הצניעות בבגדי הנשים והשייטלע"ך – אל תטוש תורת אמך, ועוד.

***וזה תוכן הדברות הקודש:***

**מען** איז זיך צוזאם געקומען צו הערן דברי חיזוק, אין די שווערע צייטן וואס מיר לעבן היינט, מיט די נסיונות הזמן. מען האט פריער געהערט פונעם חשוב'ן רעדנער, הרה"ג רבי בערל טויבער שליט"א. די הארץ ווייטאגט צו הערן וואו אונז האלט מיר, און צו וואס מיר זענען צוגעקומען. און ווי אזוי אונז קען מיר אדורכגיין די מלחמה, צו קענען ווייטער מגדל זיין אונזערע קינדער, זון און טעכטער אויפן ערליכן יודישן וועג.

**מען** ליינט יעצט די פרשיות פון יציאת מצרים, ווי יודען זענען געווען אין גלות, און דער אייבערשטער האט זיי ארויסגענומען פונעם גלות. בצאת ישראל ממצרים, בית יעקב מעם לועז, היתה יהודה לקדשו, ישראל ממשלותיו (תהלים קיד-א), דער פסוק זאגט, מען איז ארויס פון מצרים, כאטש מען איז געווען אין אזא געזינקענעם פלאץ ווי מצרים איז געווען, פון דעסטוועגן דאך איז ארויסגעקומען פון דארט א הייליג פאלק, דער כלל ישראל.

**און** ווי עס שטייט אין מדרש (ויק"ר לב-ה), שלא שינו את שמם לשונם ומלבושם, זיי האבן נישט געטוישט זייערע נעמען, זייער שפראך, און זייערע קליידונג. וואו מען איז געגאנגען האט מען דערקענט, איך בין נישט צוזאמען מיט דעם גוי אינאיינעם, איך זוך זיך אפצוטיילן פון אים מיט וואס איך קען. איך רעד נישט אזוי ווי ער, איך טו זיך נישט קליידן אזוי ווי ער, היתה יהודה לקדשו, יודען זענען געווען א הייליג פאלק, זיי האבן זיך אפגעטיילט פון די מצריים.

**עס** שטייט אין מדרש (סוטה יא:), ווער האט געגעבן דעם כח פארן כלל ישראל, אז זיי זאלן קענען אדורכגיין אין מצרים, און ארויסקומען א הייליג פאלק. זאגט דער מדרש, אין זכות פון נשים צדקניות זענען יודען ארויס פון מצרים. די יודישע מאמעס, וואס זיי האבן געהאדעוועט די קינדער, די מענער זענען געווען פארפלאגט אינדרויסן ביי די ארבעט, און די עיקר חינוך איז געלעגן אויף די מאמעס, זיי האבן מחנך געווען זייערע קינדער. מיר לעבן טאקע אין א מצרים, מיר לעבן אין אזא נידריגען פלאץ, אבער מיר זענען בני אברהם יצחק ויעקב, מיר זענען קינדער פון די אבות, אונז וועל מיר זיך נישט בייגן צו דעם וואס מצרים פירט זיך. אונז וועל מיר מחנך זיין א דור וואס וועט קענען שפעטער מקבל זיין די תורה, און ווערן אן עם ה', א פאלק פונעם אייבערשטען. די נשים צדקניות, די האבן אריינגעלייגט די כוחות אין די קינדער, אז מען זאל קענען ארויסגיין, היתה יהודה לקדשו.

*

**ווען** דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר יודען, האט ער געשיקט משה רבינו, כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל (שמות יט-ג), קודם זאל ער רעדן צו די בית יעקב, און נאכדעם ותגיד לבני ישראל. בעפאר דו ביסט מציע די תורה פאר יודען, זיי קודם מציע די תורה פאר די בית יעקב, פאר די מאמעס פונעם כלל ישראל. אויב זיי זענען נישט גרייט מקבל צו זיין די תורה, אויב זיי זענען נישט דערביי זיך אוועקצוגעבן פאר די תורה, איז נישט דא קיין קבלת התורה. איך קען נישט געבן קיין תורה פאר יודען, ווען די מאמעס זענען נישט דערביי מחנך צו זיין די קינדער פאר תורה. **אז עס איז נישט דא קיין יודישע מאמעס, איז נישט דא קיין מתן תורה!** כה תאמר לבית יעקב, די ערשטע זאלסטו גיין צו די בית יעקב, און זאגן אז איך וויל געבן די תורה פאר יודען. אויב זיי וועלן זיין גרייט מקבל צו זיין

דעם עול וואס עס קומט זיך צו דעם, דעמאלטס וועט זיין מתן תורה.

**דאס** איז די געוואלדיגע חשיבות פון א יודישע מאמע, וואס דער אייבערשטער האט איר געגעבן די כוחות און די זכיה, אז זי קען ערציען א דור פון תורה. די גאנצע קרעדיט וואס כלל ישראל האט, וואס יודען פירן זיך אזוי ערליך, און מען ערציהט דורות, איז אלעס צו פארדאנקען נאר אין זכות פון די מאמע וואס האט מחנך געווען דאס קינד. וויפיל פלאג מען האט אריינגעלייגט אין דעם קינד, וויפיל עמל עס איז אריינגעגאנגען אינעם חינוך, אזוי קומען ארויס די דורות שפעטער.

*

**מיר** לעבן אין א וועלט וואו די נסיונות זענען זייער גרויס! עס איז כמעט נישט דא קיין משפחה וואס עס פאלן נישט אוועק קינדער, יונגלעך, מיידלעך, בחורים, ערוואקסענע, ה' ישמרנו! וויפיל מען הערט זיך צוזאם, נישט אמאל אין א וואך, און אמאל אין א חודש, נאר טאג טאג, ביי ראובן שמעון לוי, וואס מען גייט אדורך שווועריקייטן מיט היינטיגע קינדער. די נסיונות זענען געוואלדיג גרויס. קיינער איז נישט פארזיכערט ווי אזוי זיין דור שפעטער וועט זיך אויפשטעלן. **נאר א שטוב וואס איז געבויט אויף פעסטע יסודות אין יודישקייט, די שטוב קען בלייבן!** א שטוב וואו טאטע מאמע געבן זיך אוועק, זיי זענען אלעס מפקיר, עס אינטערעסירט אונז נישט אונזערע אייגענע טובות, עס אינטערעסירט אונז נישט אונזער אייגענע צופרידענקייט, אונז וויל מיר אהערשטעלן א שטוב וואס ווען אונזערע קינדער וועלן חתונה האבן, ווען זיי וועלן ארויסגיין פון דא, זאלן זיי קענען אויפשטעלן שיינע יודישע שטובער, די שטובער וועלן בלייבן.

**מען** דארף אריינלייגן אהבת תורה און יראת שמים אין די קינדער, ליבשאפט צו די תורה. תורה איז נישט קיין עול, תורה איז א פראכט. **אז מען וויל זעהן נחת ביי די קינדער, דארף מען אריינלייגן אין זיי די ליבשאפט צו תורה, ליבשאפט צו יראת שמים.** וויסן זיך אפצוזינדערן פון די גאס, נישט נמשך צו ווערן נאך וואס די גאס פירט זיך. יענער האט, דער צווייטער האט, דער דריטער האט, פון דעם וועט ער גארנישט געהאלפן ווערן. קוקן וואס איז די אמת'דיגע תועלת פאר די שטוב און פאר די קינדער, און אויף דעם וועג אויפשטעלן דאס הויז.

**אבער** אזוי ווי מען האט פריער געהערט, **כדי א מאמע זאל דאס קענען איבערגעבן פאר די קינדער, מוז זי אליין זיין אויפגעבויט אין איר השקפה, אין איר חשק, אין איר ציל צוצוקומען צו דעם.** מען דארף הערן שיעורי תורה, וואס עס איז היינט דא ב"ה, וואס מען קען הערן אסאך דברי תורה ומוסר, און ביי יעדע זאך וואס מען טוט אין שטוב, דארף מען טראכטן, איך בין מיט דעם א מוסטער פאר מיינע קינדער ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. און ווי אזוי זי פירט זיך אליין, ווי אזוי זי רעדט, ווי אזוי זי גייט געקליידעט, און אזוי ווייטער די גאנצע הנהגה אין שטוב, דאס איז משפיע אויפן קינד אז דאס קינד זאל אויסוואקסן אויפן ריכטיגן וועג.

**יעדע** יודישע מאמע וויינט און בעהט תפלות נאך תפלות, ביים ליכט צינדן און ביים דאווענען, אויף איין זאך, אז דער אייבערשטער זאל איר געבן, אז זי זאל האבן ערליכע יודישע קינדער, ערליכע יודישע דורות. און יעדער וויל באמת אין טיפענישן פון הארץ זוכה זיין דאס צו זעהן. אבער עס זענען דא אסאך שטובער, וואס אסאך מאל קומט אויס, אז די פירונג אין דעם שטוב טוט אפקילען די ווארימקייט צו תורה. די וועג ווי אזוי מען פירט זיך, ווי אזוי די קינדער זעהן וואס עס איז אלץ דא אינעם שטוב, טוט אסאך מאל אראפנעמען, און עס ברענגט אריין א קאלטן ווינט אין שטוב, א מאדערנעם רוח אינדערהיים. וואס עס איז גוט פאר א מאדערנעם יוד איז פאר אים אויך גוט, און עס ברענגט אראפ די מדריגה פון יראת ה' וואס איז נוגע ביי די קינדער.

**טעכנעלאגיע**, וואס מען האט פריער געהערט, האט צובראכן אלע מחיצות וואס איז דא אין די וועלט. מחיצות פון יודישקייט, און מחיצות פון מענטשהייט. יעדער איינער האט אמאל געוואוסט, אז יעדער מענטש וואוינט פאר זיך, און מען האט נישט אריינגעקוקט וואס עס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב, עס איז געווען איינע פון די פראכטן פון יודען שלא היו פתחיהן שוות (במדבר כד-ה), די טירן זענען געווען אזוי, אז פון איין שטוב זאל מען נישט קענען אריינקוקן צום צווייטן. טעכנעלאגיע האט צובראכן אלע מחיצות! יעדער קען וויסן וואס עס טוט זיך פון

איין עק וועלט ביז די צווייטע עק וועלט. וואס עס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב, פון איין שטוב צו די אנדערע שטוב, אלעס איז געווארן אפען. זאכן וואס מען האט נישט גערעדט, זאכן וואס מען האט נישט געוויזן, אלעס קומט ארויס אויף די טעכנעלאגישע כלים. און די סטאטו"ס, און וואטסע"פ ווי מען רופט עס, אלע פריוואטע זאכן וואס טוט זיך ביי איינעם אין שטוב, קומט אן צום צווייטן. עס האט אוועקגענומען דאס ערליכקייט, דאס צניעות, דאס באשיידענהייט וואס איז אמאל געווען א נארמאלע זאך אין יעדע יודישע שטוב.

**א שטוב וואו עס דרייט זיך ארום א סמארטפאו"ן, ווערן די קינדער אין שטוב עקספאס"ט צו זאכן ווי אזוי אלע גוים פירן זיך. מען האט פריער געהערט, עס איז נישט דא קיין פילטער וואס העלפט דערויף, עס איז נישט דא קיין זאך וואס מען קען צוימען פון קינדער, זיי זענען קלוגער פון אונז אלע. זיי וויסן פונקטליך ווי אזוי מען קען יעדע זאך אדורכשניידן. און אויב עס איז דא אין שטוב, איז זייער גרינג צוצוקומען דערצו.** אז די מאמע מעג עס האבן, דער טאטע מעג עס האבן, מעג איך דאך עס אוודאי האבן. און ער גייט צו גראד מיט א היתר. עס איז נישט אז ער האט געטון עפעס א זאך אומלעגאל, ער האט געטון א זאך וואס זיין טאטע טוט, און זיין מאמע טוט, עס דרייט זיך ארום אין שטוב. און אז זיי טוען אזוי, מעג ער אויך אזוי טון.

**און** אז עס גייט אדורך א שטיק צייט, און מען הייבט אן צו זעהן אז דאס קינד האט פארלוירן דאס ווארימקייט צו יודישקייט, ער איז פארלאשן, עס פעלט דאס אהבת ה', ער זעהט ווי זיין זון און זיין טאכטער, הייבן אן צו פאלן. זיי זענען געווען ווארילע פיינע יודישע קינדער, און זיי זענען געווען מיט אזא ווארימקייט צו יודישקייט, צוביסלעך צוביסלעך ווערט עס אפגעקילט. **אז עס איז דא אין שטוב פון די היינטיגע טעכנעלאגיע, טעלעפאונען, קען מען נישט זאגן שפעטער, אז ער איז נישט שולדיג מיט דעם וואס דאס קינד האט זיך אוועקגעגליטשט!** רוב מאל ווען א קינד פאלט אוועק, איז נישט ווייל ער האט זיך אנגעטשעפעט מיט א חבר אינדרויסן פון די גאס. נאר עס איז געקומען פונעם שטוב, וואס דארט האט ער געטראפן א פלאץ וואו ער האט א סמארטפאון, צו אן אנדערע פאון, וואס ער קען דורכדעם צוקומען, וואו מען וואלט נישט געוואלט ער זאל צוקומען.

**איך** האב שוין אמאל פארציילט מיט לאנגע יארן צוריק, אז א בחור האט מיר געזאגט, איך בין געווען א בעל כשרון, איך האב פיין געלערנט, און מיינע עלטערן האבן אויסגעגעבן פאר מיר זייער אסאך געלט, מען האט מיר צוגענומען חברותות צו לערנען צופרי און ביינאכט, זיי האבן באמת געוואלט אז איך זאל אויסוואקסן לשם ולתפארת. אבער מיינע עלטערן האבן געהאט [דעמאלטס'דיגע צייטן] א קאמפיוטער אין שטוב, און עס איז געווען דערויף א פעסווארד, ווי מען האט פריער געהערט, און איך בין ארויפגעקומען ווי אזוי צוצוקומען דערצו, למעשה האב איך געזעהן זאכן וואס איך דארף נישט צו זעהן, און וויסן זאכן פון וואס איך האב נישט געדארפט צו וויסן. איך האב עס קיינמאל נישט צוריקגעזאגט פאר מיינע עלטערן וואס זיי האבן געטון מיט מיר. **אבער עס וועט קומען א טאג, איך וועל ארויפקומען אויפן עולם העליון, איך וועל אפירנעמען מיין טאטע און מיין מאמע וואס זיי האבן געמאכט פון מיר!** די גוטע טאטע מאמע וואס זיי האבן אזויפיל אוועקגעגעבן פאר מיר, פון דעסטוועגן דאך האבן זיי זיך נישט געקענט צוריקהאלטן פון האבן א זאך אין שטוב, וואס דאס האט מיך חרוב געמאכט! מען דארף זיך זייער היטן, כדי אז די קינדער זאלן קענען געהעריג ערצויגן ווערן ערליך. די שטוב זאל זיין ריין! די שטוב זאל נישט האבן קיין שום זאך וואו קינדער קענען צוקומען דערצו.

**אפילו ווען א מאן דארף עס האבן לצורך פרנסה, [וואס איך גיי נישט יעצט אריין דערין], דארף מען פאדערן פונעם מאן, אז אפילו ווען ער דארף עס האבן פאר זיין פרנסה, זאל ער עס נישט אריינברענגען אין שטוב! דו האסט א קאר, דו האסט א ביזנעס, אלעס קענסטו פירן דארטן. אין מיין שטוב ברענג עס נישט אריין! מען קען עס פאדערן מיט א שטארקייט! יעדע מאמע איז בארעכטיגט אז זי זאל קענען מחנך זיין ערליכע יודישע קינדער, און דער מאן איז נישט בארעכטיגט ער זאל עס אראפברענגען! זי קען פאדערן מיט א שטארקייט, איך וויל נישט אז אין שטוב זאל אריינקומען א סמארטפאון.** דו דארפסט עס האבן, קענסט עס

האבן אין געשעפט, וואו דו דארפסט עס צו האבן, אבער נישט אין שטוב!

**בכלל**, מען זעהט אסאך מאל ביי די מענער אליין, מען פאלט פון וואס מען איז געווען. און עס איז נישט קיין חידוש, מען איז דאך אינדרויסן, מען דרייט זיך אויף דער גאס און אזוי ווייטער, מען האט זיך געטוישט פון ווען מען האט חתונה געהאט, ביז עס איז אדורכגעגאנגען א פאר יאר, ער זעהט נישט אויס דער זעלבער. אסאך מאל אין קליידונג, און אסאך מאל אין די הנהגה, און ער דארף האבן חיזוק. פונעם ווייב קען ער האבן די גרעסטע חיזוק. **מען דארף מחזק זיין דעם מאן, און אים שטארקן ער זאל נישט פאלן ווייטער, און ער זאל אנגיין אין זיין ערליכן יודישן וועג.** עס איז זייער וויכטיג צו באקומען חיזוק פון אינעווייניג פון די שטוב. אזוי ווי א פרוי גיט חיזוק פאר איר מאן, בשעת ער האט א ירידה אין זיינע ביזנעס, און ער איז צוקלאפט. אמאל אין געזונט, שטייט זי צו הילף און זי גיט אים חיזוק און אימוץ. אזוי דארף זיין דער חיזוק וואס א פרוי גיט אין שטוב, איז דאס פארן מאן, איז דאס פאר די זון, פאר די טעכטער, ארויפברענגען און זיך שטארקן, זיי זאלן קענען אנהאלטן אין יעדע יודישע זאך אזוי ווי עס איז געווען פון פריער.

*

**'אל תטוש תורת אמך'. בכלליות איז דאס דער יסוד פון יודישקייט, און אזוי דארף מען מחנך זיין די שטוב, אז אונז טויש מיר נישט קיין זאך וואס איז געווען ביי אונזערע עלטערן.** אל תטוש תורת אמך, אונז לאז מיר נישט איבער וואס מיר האבן געלערנט ביי אונזער מאמע. אז מען האט דעם גדר, אז מען רוקט זיך נישט אוועק אנדערש ווי די עלטערן זענען געווען, דאס בלייבט אין שטוב א גדר אויף אלע ענינים ווען עס קומט שפעטער א נסיון.

**מען** מעג זיך אליין אויך נעמען א מינוט און זיך מתבונן זיין, וואס בין איך אנדערש געווארן פון נאך די חתונה? וואס איז ביי מיר אין שטוב אנדערש פון דעם וואס איז געווען ביי מיינע עלטערן. עס איז נוגע צו קליידונג, שייטלען, און צו אלע אנדערע זאכן וואס איז דא אין א שטוב. וואס האב איך געטוישט פון דעם וואס איז געווען ביי מיינע עלטערן? וואו בין איך אוועקגעקראכן פון מיין אל תטוש תורת אמך? און זעהן מתקן צו זיין וואס מען קען, צוריק צושטעלן אזוי ווי עס איז געווען.

**קינדער** דארפן האבן אסאך חיזוק פון די עלטערן. מען לערנט אין די שולע'ס ב"ה זייער שיין, און מען לייגט אריין אסאך ארבעט אין די קינדער. אסאך תורה און יראת שמים ווערט אריינגעלייגט אין די קינדער, אבער אסאך מאל מיט איין ווארט אינדערהיים, טוט מען צוברעכן אלעס וואס מען האט געהערט פריער. **ווען א קינד קומט אהיים, און זאגט עפעס נאך, מען האט פארלאנגט אזוי און אזוי, און מען מאכט דערפון א הלצה, מען זאגט א דזשאק דערפון וכדומה, האט מען צובראכן די גאנצע אויטאריטעט וואס מען איז מקבל פון א סקול. אומוויסענדיג האט מען אריינגעלייגט א גיפט אין דעם קינד, אז מען מוז נישט אלעס מקבל זיין וואס מען זאגט, עס מוז נישט זיין אלעס אזוי ווי מען האט געהערט, עס איז איבערגעטריבן וואס מען לערנט, און אזוי פאלט מען שפעטער אויך.**

**מען** דארף זיך בארעכענען, **ווען א טאכטער זעהט, אז די מאמע טוט א זאך וואס איז היפך פון דעת תורה, זי פאלגט נישט וואס דעת תורה איז. אלע קינדער ווייסן וואס מען האט פארלאנגט, און פון וואס מען האט גערעדט, וואס מען דארף צו טון און וואס מען דארף נישט צו טון, און זי זעהט ביי די מאמען, אז פאר די מאמען איז עס נישט אזוי וויכטיג. וואס איז די מעסידז"ש וואס די מאמע גיט איבער פאר דעם קינד? אז דעת תורה איז נישט קובע!** דעת תורה איז א גוטע זאך צו הערן, ווען איך וויל, וועל איך עס טון, און אז נישט, איז אויך גוט. - דאס איז די מעסידז"ש וואס די קינד באקומט. און נאכדעם ווערן זיי אויך נתחנך אויף דעם וועג, מען מוז נישט אלעס פאלגן וואס מען הערט, מען קען הערן, און מען קען טון נאכדעם ווי אזוי מען פארשטייט.

**און** צום סוף, קינדער ווערן עלטער, און אויב זיי וואקסן יא אויף ערליך, הייבן זיי אן מזלזל צו זיין אין די עלטערן, די עלטערן ווערן גרינגגעשעצט אין די אויגן פון די קינדער, מיין חשוב'ער טאטע, מיין חשובע מאמע, פאלגט נישט וואס א רב זאגט... ווערט מען אראפגעזעהן נאכדעם אין די אויגן פון די קינדער אליין. און די תוצאות נאכדעם, ווייסט מען נישט וואו עס וועט ברענגען.

**עס** איז געווארן שטארק איינגעריסן דער ענין פון שייטלעך. מען גייט מיט לאנגע שייטלעך, פון יאר צו יאר ווערט עס לענגער. **א שייטל וואס גייט לענגער פון די אקסלען האבן אלע גדולי ישראל גע'אסר'ט אז מען טאר נישט גיין דערמיט!** די אלע נייע סטיילס וואס קומען ארויס היינט, וואס גייט ארויס פונעם נארמאלען גדר, קען מען נישט גיין. **לעי"ס שייטלעך האבן אלע גדולי ישראל גע'אסר'ט, אין גם אחד וואס זאל געבן א היתר דערויף. און עס איז דא וואס האבן גע'אסר'ט אז מען טאר אפילו נישט זאגן א ברכה און א דבר שבקדושה דערקעגן.**

**ווען מען גייט אויף דער גאס, האבן יודישע טעכטער און יודישע מאמעס א כח איבערצודרייען די גאס, און אריינברענגען אין די גאס א רוח פון צניעות און ערליכקייט.** עס איז נישט נאר פאר זיך ווי אזוי מען גייט, נאר עס האט אן השפעה אויף די גאנצע שטאט. אז מען גייט אנגעטון צניעות'דיג אויף די גאס, נאך א יודישע טאכטער גייט אזוי, גיט עס חיזוק פאר אן אנדערן צו גיין, און מען הייבט אויף די גאנצע רוח פון די שטאט, אז ווען מען גייט אויף די גאס, זאל מען גיין אנגעטון באשיידן.

**פארקערט**, אז מען גייט ארויס מיט א בגד וואס מען דארף נישט ארויסצוגיין, ברעכט מען. נישט נאר פאר זיך אליין האט מען געבראכן א גדר, נאר מען האט צובראכן די גדרי הצניעות אין די שטאט. ווי חשוב'ער מען איז, און פון וואס פאר א חשוב'ערע שטוב מען קומט, וואס פאר א חשוב'ערן מאן מען האט, און מען איז ארויסגעגאנגען אין דער גאס נישט ווי עס פאסט זיך, האט מען געוויזן א וועג אז מען קען גיין אנדערש אויך. און מען צוברעכט די גאנצע רוח פון צניעות וואס איז דא אין די שטאט.

**עס** איז א געוואלדיגער זכות הרבים, **ווען עס ווערן ארויסגיין צענדליגער און הונדערטער פרויען אויף דער גאס, און מען זעהט ווי אזוי זיי גייען אנגעטון איידל, זיי גייען אנגעטון מיט א קורץ שייטל, צו זיי גייען אנגעטון מיט א הע"ט וכדומה, דאס הייבט אויף דעם רוח הצניעות וואס איז דא אין די שטאט. אז מען זעהט אז מען דרייט זיך ארום אינדרויסן אויף דער גאס מיט א פשוט'ן טעלעפאון, און נישט מיט א סמארטפאון, ברענגט עס אריין אין ציבור אז מען זאל זיך אזוי פירן.** עס ליגט אין די הענט פון די נשים צדקניות, אז זיי זאלן זיין די וואס געבן דעם טא"ן פאר די גאס, ווי אזוי מען דארף צו גיין אנגעטון, און ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן!

**וויליאמסבורג** איז ב"ה פון די שענסטע שטעט וואס כלל ישראל האט, און די השפעה פון דא גייט זייער ווייט. ווען אונז וואלט מיר געהאט שיינע ריינע גאסן אין וויליאמסבורג, וואס מען וואלט נישט געזעהן קיין סמארטפאון אויף דער גאס, און מען וואלט נישט געזעהן קיין לאנג שייטל אויף דער גאס, וואלט עס אויפגעהויבן דעם קרן פון צניעות אין די גאנצע וועלט! נישט נאר אין גאנץ ניו יארק, נאר אין די גאנצע וועלט וואלט זיך עס אריבערגעצויגן! יעדע יודישע טאכטער וואס גייט ארויס אויף דער גאס מיט א ערליכקייט, מיט א צניעות, דארף זיין שטאלץ אז זי בויט אויף דעם רוח הצניעות וואס איז דא אין די שטאט.

*

**מען** דארף טראכטן, מיר זענען אלע ערוואקסן געווארן אין ערליכע יודישע שטובער מיט א דור פריער, אן א סמארטפאון, און אן לאנגע שייטלעך, אן היינטיגע מאדערנע סטיילס וואו עס איז. און אז מען קוקט ווי אזוי מיר האבן זיך אראפגעגליטשט, ווי אזוי מיר זענען שוין געפאלן פון דעם וואס אונזערע מאמעס און באבעס זענען געגאנגען, וואס וועט זיין מיט אונזערע קינדער? וואס וועט זיין מיט אונזערע אייניקלעך? ווען זיי זענען שוין נתחנך געווארן, און זיי זעהן שוין ביי די מאמען אז זי גייט אזוי, אז די מאמע האט אזא טעלעפאון, און די מאמע גייט נישט אנגעטון ווי עס דארף צו זיין, וואס איז דער רושם וואס אונז קען מיר ערווארטן פון זיי שפעטער.

**מען** מאכט חתונה קינדער. **אז מען האט א זון א חתן, דארף מען זיך אויסנעמען מיט די צווייטע צד, אונז פארלאנג מיר, אז די כלה זאל נישט גיין מיט א לאנג שייטל נאך די חתונה.** עס זאל נישט זיין קיין סמארטפאון אינעם שטוב. אזוי ווי מען נעמט זיך אויס אלע אנדערע זאכן וואס איז נוגע צו געלט זאכן, עס זאל נישט קאסטן מיט א פעני מער וויפיל מען וויל, כל שכן ווען מען רעדט פון יודישקייט, דער יסוד פונעם שטוב. און טאמער דאס מיידל זאגט, אז זי איז נישט גרייט דערפאר, איז עס נישט קיין היימישער שידוך! דארפסט עס נישט טון! ווי

איידער מען זאל דארפן שפעטער אראפברענגען די הויז פון דיין קינד. אויב דו האסט א וואוילן בחור, נעם א קינד וואס קומט פון א שטוב וואס וועט אנפירן אן איידעלע שטוב.

**אז** מען מאכט חתונה א טאכטער. איז דאך די מאמע די בעל הבית צו קויפן פאר איר די שייטלען. **מען דארף זאגן פאר די טאכטער, 'איך קויף דיר אזא שייטל אזוי ווי איך בין געגאנגען. אזוי ווי די מאמע איז געגאנגען, אזוי וועסטו גיין. איך בין נישט בארעכטיגט דיר צו קויפן א שייטל, און דיך מחנך זיין בידים, אז דו זאלסט מבטל זיין דעם אל תטוש תורת אמך'.**

**עס** איז זייער איינגעריסן היינט, מען גייט צו די פלעצער ווי מען קויפט די שייטלעך, און מען רעדט צו אז מען זאל קויפן לאנגע שייטלעך, ווייל זיי ווילן דאך האבן מער ביזנעס, און עס קוקט אויס בעסער און שענער. און דער וועג ווי אזוי דער יצר הרע רעדט צו איז, אז ער זאגט, 'קודם קויף א לאנג שייטל, און אז דיין מאן וועט נישט וועלן, אפשניידן קענסטו דאך שטענדיג. אבער אז דו וועסט עס אפשניידן, וועסטו עס נישט קענען מאכן לענגער'. און יעדער ווייסט וואס עס בלייבט דערפון... עס איז נאך קיינער נישט צוריקגעגאנגען עס אפשערן... ווייל אז מען הייבט זיך אן צו געוואוינען צו גיין דערמיט, בלייבט מען אזוי. א מאן נאך די חתונה וועט נישט זאגן פארן ווייב, טויש דיר דעם וועג ווי אזוי דו גייסט. טויש דיר דעם שייטל וואס דיין מאמע האט דיר געקויפט. ער וועט נישט אנהייבן מיט די שוויגער תיכף... אבער עס איז אין אונזערע הענט. אונז דארף מיר געבן פאר אונזערע קינדער, ביז ווי לאנג מען איז נאך אין שטוב, דארף מען מחנך זיין די קינדער צו גיין אויף דעם וועג ווי אזוי די עלטערן פירן זיך.

**און** אז מען זעהט א קינד נאך די חתונה הייבט אן אביסל אראפצוגיין פון דעם וואס זי האט געזעהן ביי די עלטערן אין שטוב, מען האט מורא צו זאגן מוסר פאר א קינד נאך די חתונה. דאס קינד האט חתונה געהאט, ער איז שוין א מענטש פאר זיך אליין, מען איז נישט מעורר אויף קיין שום זאך וואס מען זעהט ביי א קינד אז ער טוט אנדערש. וויפיל מאל קומט דערצו, אז מען קומט צו מיר, א טאטע, עלטערן, און זאגן, עפעס איז ביי מיין זון, ביי מיין טאכטער, זיי פירן זיך נישט אויף מיט דעם און דעם פרט, אזוי ווי איך וואלט ווען געוואלט. דער רב זאל זיי זאגן, אז זיי זאלן זיך טוישן. דער רב זאל זיי זאגן? וואו איז טאטע מאמע?! און וואס וועט העלפן אז דער רב וועט זאגן, ווען ביי די טאטע מאמע איז עס אקע"י. **טאטע און מאמע דארפן זאגן! אז מען זעהט אז מען טוט נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, דארף מען זאגן, אויף א שיינעם אופן, אז מען זאל זיך טוישן.** עס איז נישט דער וועג אז מען זאל אזוי גיין.

*

**די** סמארטפאון'ס וואס מען האט אנגעהויבן פריער. מען האט דאך שוין גערעדט, עס איז דאך א זאך וואס האט אזויפיל פראבלעמען אין זיך, אזויפיל זאכן וואס איז אקעגן די תורה. וואס ברענגט אראפ, נישט נאר די יודישקייט אין שטוב, נאר די גאנצע מענטשהייט אינעם שטוב ברענגט עס אראפ. אז מען דארף עס האבן פאר פרנסה וכדומה, דארף מען האבן דעם בעסטן פילטער וואס מען קען ארויפלייגן דערויף. אבער **א יודישע מאמע דארף עס אינגאנצן נישט אין שטוב. זי דארף דאך עס נישט פאר פרנסה, זי דארף דאך עס נישט ווייל מען קען נישט לעבן אן דעם, עס איז נאר א באקוועמליכקייט וואס מען נעמט עס אויף זיך. וויפיל באקוועמליכקייט דארף טאטע מאמע אוועקגעבן צו האבן אן ערליך יודיש קינד! יא, מען דארף אוועקגעבן די באקוועמליכקייט פון שטוב! מען דארף אוועקגעבן זאכן וואס אפשר וועט מיין קינד נכשל ווערן, און צוקומען צו א זאך וואס איך וועל שפעטער נישט קענען די זאך פאררעכטן!** מען דארף וויסן זיך צו היטן.

**און אז מען דארף יא האבן פאר פרנסה, מוז מען דאך נישט האבן קיין סמארטפאון, ענדערש האבן א טעבלעט אין שטוב וואס מען קען עס אוועקלייגן און נוצן נאר ווען מען דארף עס האבן, אבער די טאג טעגליכע טעלעפאון וואס א מענטש דארף האבן, דארף זיין א פשוטער טעלעפאון. מען גייט ארויס אויף די גאס, צו מען שטייט צווישן מענטשן, זאל מען זיך שעמען ארויסצונעמען א סמארטפאון, און נעמען נאר א פשוטן טעלעפאון.** דאס איז דער גרעסטער חינוך וואס מען קען געבן פאר קינדער, ווען זיי זעהען ווי אזוי די עלטערן פירן זיך.

*

**די** מוסדות ביי אונז פראבירן אריינצולייגן אין די חינוך פון די קינדער, די מערסטע וואס מען קען. אבער מען דארף אויך האבן די הילף פון די עלטערן, זיי זאלן צושטיין דערצו. **אונזערע מוסדות וועלן שטיין בתוקף אויף די זאכן וואס מען וועט שפעטער הערן, וואס מען פילט, אז טאמער מען שטעלט זיך נישט צו דעם צו, האט מען נישט קיין זכות אז דאס קינד זאל זיין ביי אונז אינעם מוסד. און עס איז נישט קיין נפקא מינה צו מען איז א תלמידה פון דא, צו מען איז צוגעקומען אהער, צו די עלטערן זענען תלמידות. ווער עס וועט זיך נישט צוהאלטן צו דעם וואס מען פארלאנגט, האבן זיי נישט קיין זכות ביי אונז אין מוסד צו קענען אהערגעבן די קינדער.** עס איז דאך נישט נאר ביי אונז אינעם מוסד, עס איז דאך כמעט אלע מוסדות היינט זענען די זעלבע.

**און** מעורר זיין די קינדער אליין. דער סוף איז, מען האט חתונה, און אז מען גייט נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, וועלן זייערע קינדער נישט האבן קיין פלאץ אין וויליאמסבורג אין א מוסד. וואס איז דער סוף, דאס קינד הייבט זיך אויף, און ער מופט אוועק פון וויליאמסבורג, און ער גייט אויף אזא פלאץ ווי ער וועט יא קענען טרעפן א מוסד פאר דעם קינד, ער וויל דאך מחנך זיין, זיין קינד זאל זיין ערליך. און ווען ער גייט אוועק פון וויליאמסבורג, האט ער שוין דערנידערט זיין יודישקייט אויף א קלענערע מדריגה.

**מען** זאל נישט קומען שפעטער זאגן, אז דער מוסד איז שולדיג, ווייל די מוסדות האבן נישט אנגענומען. **מען קען נישט זאגן, איך וועל טון וואס איך וויל, איך וועל גיין אזוי ווי איך וויל, מען זאל מיר נישט איינטיילן וואס צו טון, און די מוסדות מוזן אננעמען מיינע קינדער.** די מוסדות איז געשטעלט אויף מחנך זיין קינדער ארויסצוהעלפן צום חינוך. אבער אז עלטערן זענען גרייט מפקיר צו זיין זייערע קינדער, איז דער מוסד נישט דא זיי מחנך צו זיין. און דער סוף געשעהנט, נישט איין פאל און נישט צוויי פעלער, מען האט זיך אוועקגעצויגן פון די עלטערן, מען האט זיך אוועקגעצויגן אין דער פרעמד, און צוביסלעך, צוביסלעך, האט נאכגעלאזט זייער יודישקייט מיט אסאך מדריגות.

**אסאך מאל קומען די עלטערן און זיי דרוקן אויפן מוסד, אז דער מוסד זאל אננעמען מיין קינד. עס איז טאקע נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, אבער אזוי און אזוי און אזוי... זיי מיינען אז זיי טוען א טובה פאר דעם קינד, אז מען האט אריינגעשטופט זייער קינד אינעם מוסד?! זאל דאס קינד וויסן, אז טאמער זי פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, האט דיין קינד טאקע נישט קיין פלאץ אין קיין מוסד, וועט זי זיך טוישן, און זי וועט זיך צושטעלן ווי אזוי מען דארף צו זיין.** פון דעם וואס מען האט אריינגעשטופט דאס קינד, מען לאזט אז די טאכטער, צו די שנור, זאלען גיין ווי אזוי זי וויל, און מען האט אריינגעשטופט זייער קינד אינעם מוסד, פון דעם וועלן זיי נישט טוישן זייערע קינדער. מען דארף וויסן, עס איז דא גדרים וסייגים וואס מען דארף צו האלטן, און אן דעם קען מען נישט אדורכקומען.

**מען** האט שוין פריער גערעדט, ווי אזוי מען גייט היינט אנגעטון, און די יונגלעך ווי אזוי מען טוט זיי אן, מיט סטייל״ס, און גוי׳אישע סטייל״ס. מען האט פארלוירן דעם שיינקייט, דעם יודישן חן וואס איז אמאל געווען אויף א יודיש קינד. א שבת, א יום טוב, ווען דאס קינד איז אריינגעקומען אין בית המדרש, ער האט געשיינט מיט זיין ווייסע ציכטיגע העמד וואס ער האט אנגעהאט. מען האט אוועקגענומען דעם יודישן חן, ווי אזוי מען טוט זיי אן.

**מען** האט פריער געהערט, דאס קינד זאל זיין קיו״ט, עס זאל זיין אזוי און אזוי... און עס פאלט אפילו נישט איין, אז מען גייט אוועק, מען האט זיך אוועקגערוקט פון דעם וואס מען האט געזעהן ביי אונזערע עלטערן. **מען האט אלץ געוואוסט, אז שבת איז מען געגאנגען אנגעטון מיט וויס. די מאמע איז געגאנגען מיט א ווייסע טיכל, מיט א ווייסע שירצל, די קינדער זענען געגאנגען מיט א ווייסע העמד, די טעכטער זענען געגאנגען מיט ווייסע שטרימפ, די טישטוך אויפן טיש איז געווען וויס.** צוביסלעך צוביסלעך האט מען אויסגעטון די ווייסע טיכלעך, מען האט אויסגעטון די שירצלעך, מען האט אויסגעטון די ווייסע העמדער פון די קינדער. אזוי הייבט זיך עס אן, יעדע פירצה הייבט זיך אן מיט א קליינינקייט, און אזוי גייט עס ווייטער.

*

**אונז** דארף מיר געדענקן, אז מיר האבן אוצרות אין שטוב. אוצרות וואס איז נישט דא די געלט וואס זאל

עס קענען באצאלן. אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, מען נעמט זיך גארנישט מיט פון די וועלט, נאר ערליכע יודישע קינדער, דאס איז אונזער פארמעגן! ווען א מאמע איז זוכה אז זי האט אויפגעצויגן א קינד א תלמיד חכם, אויפגעצויגן אן ערליך קינד, וואס פירט א יודישע שטוב, דאס איז איר גליק אין איר לעבן, וואס דאס וועט איר אקעגן קומען, נישט נאר אויף די וועלט, דעם נחת וואס מען האט שפעטער פון אזעלכע קינדער! דעם נחת וואס מען האט אויף יענע וועלט פון אזעלכע קינדער! פאר דעם איז כדי אוועקצוגעבן אלע באקוועמליכקייטן וואס מען האט, אז די קינדער זאלן ערצויגן ווערן און זיין ערליך!

**אין** הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (עבודה זרה ג.). ווען דער אייבערשטער גיט נסיונות, גיט ער די מעגליכקייט דערצו, אונז זאל מיר קענען עומד זיין אין די נסיונות. מען לעבט אין א שווערע דור, מען לעבט אין א שווערן מצב. ווען מען וויל אפילו נאר טראכטן ווי אזוי עס וועט אויסקוקן אין א פאר יאר ארום, שטעלט זיך אפ די קאפ פון טראכטן, ווי אזוי מען וועט עס קענען אויספירן. אבער עס איז היינט דא הונדערטער און הונדערטער יודישע שטובער וואס מען האט ארויסגעווארפן פון שטוב אלעס וואס עס דארף נישט צו זיין, און מען האט זיך מתבונן געווען, מען קען לעבן אן דעם! מען קען אוועקגעבן אלעס, כדי מען זאל קענען ערציען אן ערליך יודיש קינד.

**איינמאל** אז מען האט א פראבלעם מיט א טאכטער, וואס האט זיך אביסעלע אראפגעגליטשט, וויפיל געלט דאס קאסט שפעטער! וויפיל עגמת נפש דאס קאסט נאכדעם! וואס פארא שידוכים מען דארף נאכדעם טון! עס לאזט זיך נישט ארויסזאגן די ווייטאג וואס עלטערן גייען אדורך. אז מען האט א בחור וואס גליטשט זיך אראפ פונעם וועג, ער האט פארלוירן דעם טעם און דעם געשמאק פון תורה, ער האט פארלוירן דעם געשמאק צו יודישקייט, אלעס איז נאר אזוי ווי ארויפגעצווינגען אויף אים, וואס דאס קאסט שפעטער אז מען זאל דאס קענען מתקן זיין. און מען קען עס נישט מתקן זיין.

**אבער** וואס קענען מיר יא טון. אונז קען מיר זיך צושטעלן. מיר גייען האבן א ריינע שטוב! ביי אונז אין שטוב וועלן מיר מחנך זיין און ארויסווייזן אונזער שעצונג צו תורה און עבודת ה'! ביי אונז אין שטוב האט נישט קיין חשיבות אלע נארישע זאכן פון די וועלט! נישט אויף דעם זענען מיר אראפגעקומען אויף דעם עולם. מיר זענען אראפגעקומען צו דינען דעם אייבערשטען, און מחנך זיין ערליכע יודישע דורות שפעטער.

**'תפלה** - דאווענען'. מען דארף אסאך מתפלל זיין, אסאך בעטן פונעם אייבערשטען. נישט מזלזל זיין אין קיין שום תפלה. מען זאל בעטן פונעם רבונו של עולם אז מען זאל קענען ערציען ערליכע קינדער. יא, ביים צינדן ליכט, וואס אונזערע מאמעס און אונזערע באבעס האבן פארגאסן טייכן טרערן יעדן שבת, בשעת מען האט געצינדן די ליכט, און מתפלל געווען אויף די קינדער. אזוי דארף מען צו טון. פרייטאג צו נאכטס, ווען עס קומט אויס צו דאווענען שבת, אלץ צוגעבן א תפלה פארן אייבערשטען, און בעטן, דער רבונו של עולם זאל אונז געבן די כוחות זיך אליינס צו פירן ווי עס דארף צו זיין, אונז זאל מיר קענען זיין גענוג ווארעם, משפיע צו זיין אויף אונזערע קינדער צו גיין אין דעם ריכטיגן וועג. יעדע תפלה האט א געוואלדיגן כח, און עס מאכט א רושם אויבן אין הימל. דאס וואס מיר זענען היינט ערליך, איז נאר צו פארדאנקען פאר די טרערן פון אונזערע טאטעס און מאמעס, זיידעס און באבעס, וואס זיי האבן פארגאסן פאר אונז. דאס דארפן מיר טון פאר אונזערע דורות, וועט דער אייבערשטער אונז נישט פארלאזן. דער באשעפער וועט געבן, אז מיר זאלן קענען זעהן אסאך נחת ביי אונזערע קינדער.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, ווען מען גייט אהיים, דארף מען איבערטראכטן, וואס נעם איך מיט? וואס טראג איך אהיים? וואס בין איך מקבל אויף מיר, אז עס וועט זיין א טויש פון וואס עס איז געווען ביז יעצט. יעדער איינער קען עפעס טרעפן א זאך וואס ער קען זיך פארנעמען בעפאר ער גייט נאך ארויס פון דעם שטוב, וואס ער גייט טוישן ווען ער וועט אהיימקומען. וואס עס גייט זיין א שינוי ביי אים. און עס איז זיכער אז דער רצון וואס א מענטש האט צו גיין אויפן ריכטיגן וועג, האט א געוואלדיגן כח אויבן אין הימל. מען האט פריער געהערט, אפילו נאר פארן צוזאמקומען אליין אויסצוהערן די דברי

מוסר, איז דער אייבערשטער מוחל עונותיהן של ישראל. מען לעבט אין א תקופה וואס אזויפיל קראנקהייטן ל"ע דרייען זיך ארום, יעדע שטוב איז געשלאגן, און מען דארף האבן רחמי שמים, אז דער באשעפער זאל געבן, מען זאל קענען ערציען קינדער און אייניקלעך און אזוי ווייטער, צו תורה און עבודת ה'.

**אין** דעם זכות וואס מיר נעמען אויף זיך, צו גיין אויפן ריכטיגן וועג, וועט דער אייבערשטער העלפן, אז אונז זאל מיר אלע געבענטשט ווערן מיט בני חיי ומזוני. דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל זעהן נחת ביי די קינדער, מען זאל זיי קענען מגדל זיין אויפן ערליכן יודישן וועג. מיט זיווגים הגונים פאר די קינדער שפעטער, זיי זאלן קענען נתגדל ווערן און אויפשטעלן שיינע יודישע שטובער. און אונז זאל מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

***<u>יום חמישי פרשת בא</u>***

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת אלטמאן שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **יצחק אלטמאן** הי"ו).

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** אצל משפחת יאזשעף שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **משה מנחם יאזשעף** ע"ה).

*

***<u>שבת קודש פרשת בא</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרב חיים מאיר כ"ץ שליט"א**.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **יהושע באכנער** הי"ו, חתן הר"ר **חיים ניסן טויבער** הי"ו.